Homes and
Community Renewal

NEW YORK
STATE OF
OPPORTUNITY.

RUTHANNE VISNAUSKAS
קאמישאנער/CEO

ANDREW M. CUOMO
גאווערנאר

# אימיגראציע סטאטוס, האוזינג דיסקרימינאציע און טענענט האראסמענט אפט געפרעגטע פראגעס

**1. וואס איז האוזינג דיסקרימינאציע?**

אונטער די יושר'דיגע האוזינג אקט און די ניו יארק סעיט יומען רעכטן געזעץ, איז אומלעגאל צו (1) אנטזאגן צו פארדינגען, פארקויפן, פינאנסירן, אינשור'ן אדער פארהאנדלען באזירט אויף געוויסע באשיצטע אייגנשאפטן; (2) אוועקשטעלן אנדערע באדינגונגען און טערמינען אדער צושטעלן נישט גלייכע סערוויס באזירט אויף געוויסע באשיצטע אייגנשאפטן; (3) מאכן, דרוקן, פובליצירן אדער פארשפרייטן דיסקרימינירנדע דערקלערונגען אדער רעקלאמעס; (4) מאכן פאלשע רעפרעזענטירונגען וועגן די עוועילעבילִיטי פון דירות באזירט אויף געוויסע באשיצטע אייגנשאפטן; (5) שטערן, צווינגען אדער דערשרעקן די וואס ווילן געניסן פון זייערע רעכטן; (6) נקמה נעמען; (7) אנטזאגן פון מאכן אדער צושטעלן אינפארמאציע פאר א לאון אדער ארויפלייגן אנדערע טערמינען אדער באדינגונגען פאר א לאון באזירט אויף געוויסע באשיצטע אייגנשאפטן; און (8) האראס'ן, דראען, דערשרעקן אדער צווינגען סיי ווענען.

**2. בין איך געדעקט אונטער די יושר'דיגע האוזינג אקט און די ניו יארק סטעיט יומען רעכטן געזעץ, אפגעזען פון מיין אימיגראציע סטאטוס?**

יא. אלע ניו יארקער זענען געדעקט אונטער די יושר'דיגע האוזינג אקט און די ניו יארק סטעיט יומען רעכטן געזעץ. געוויסע ערטער קענען אויך האבן זייער אייגענע געזעצן וואס שטעלן צו נאך באשיצונג, אין צוגאב צו די די ניו יארק סטעיט מענטשליכע רעכטן געזעץ און די יושר'דיגע האוזינג אקט. די געזעצן באשיצן אייך פון דיסקרימינאציע באזירט אויף א צאל באשיצטע כאראקטער שטריכן (ראסע, גלויבן, קאליר, דיסאבילִיטי, נאציאנאלע אפשטאם, געשלעכט אריענטאציע, מיליטערישע סטאטוס, עלטער, מין, הייראט סטאטוס אדער פאמיליע סטאטוס). דיסקרימינאציע באזירט אויף איינע פון די כאראקטער שטריכן איז אומלעגאל אפגעזען פון א קרבן'ס אימיגראציע סטאטוס.

צום ביישפיל:

- אויב א האוזינג פראוויידער פאדערט א גרעסערע דאון פעימענט פון אייך צוליב אייער ראסע, איז דאס אומלעגאלע דיסקרימינאציע אפגעזען פון אייער אימיגראציע סטאטוס.
- אויב א לענדלארד רעכנט פון אייך אן אנדערע סומע פאר רענט אדער א העכערע פארזיכערונגס דעפאזיט צוליב אייער נאציאנאלע אפשטאם, איז דאס אומלעגאלע דיסקרימינאציע אפגעזען פון אייער אימיגראציע סטאטוס.

**3. וואס איז טענענט האראסמענט?**

ניו יארק סטעיט געזעץ און געוויסע ארטיגע געזעצן פארבאטן דאס האראסמענט פון א טענענט דורך א לענדלארד און/אדער די לענדלארד'ס אגענט(ן). צום ביישפיל, די רענט סטאבילִיזירונג געזעץ און ניו יארק סיטי ארטיגע געזעצן מאכן עס אומלעגאל פאר א לענדלארד אדער סיי וועלכע מענטש אינעם לענדלארד'ס נאמען צו נעמען שריט וואס איז געמאכט צו שטערן די באקוועמליכקייט, פרידן, רואיגקייט אדער שטילע פארגעניגן פון א טענענט, אדער איז געמאכט צו פאראורזאכן א טענענט צו פארלאזן די האוזינג אקאמאדאציע.

צום ביישפיל:

- אויב א לענדלארד נעמט שריט, אזוויי האקן אויף אייער טיר, אויסלעשן אייער הייצונג אין די ווינטער, אדער שרייען אויף אייך, כדי אייך צו מאכן פארלאזן דאס דירה, קען דאס זיין אומלעגאלע טענענט האראסמענט.

**4. בין איך באשיצט פון טענענט הארַאסמענט, אפגעזען פון מיין אימיגראציע סטאטוס?**

יא. איר זענט באשיצט פון טענענט הארַאסמענט אונטער עטליכע האוזינג געזעצן וואס קענען זיין גילטיג. צוםביישפיל, די רענט סטאבילייזירונג געזעץ באשיצט אייך אפגעזען פון אייער אימיגראציע סטאטוס, אזוי לאנג ווי איר זענט אין א רענט-רעגולירטע דירה.

צו אויסגעפונען אויב איר זענט אין א רענט-רעגולירטע דירה, פארבינדט אייך מיט NYS היים און קאמיוניטי באנייאונג אויפ'ן נומער אונטן. פאר אנדערע פראגעס, פארבינדט אייך מיט אייער ארטיגע לעגאלע סערוויסעס פראוויידער.

**5. וואס איז נאציאנאלע אפשטאם דיסקרימינאציע?**

נאציאנאלע אפשטאם דיסקרימינאציע איז ווען איר ווערט באהאנדלט אנדערש אין האוזינג צוליב אייער אפשטאם, ראסע, געבורט-פלאץ, קולטור אדער שפראך. דאס איז אומלעגאל. קיינער טאר אייך נישט אפזאגן האוזינג געלעגנהייטן ווייל איר אדער אייער פאמיליע איז פון אן אנדערע לאנד, וויבאלד איר האט א נאמען אדער אקצענט פארבינדן מיט א נאציאנאלע אפשטאם גרופע אדער וויבאלד איר נעמט אנטייל אין איינפירונגען פארבינדן מיט א נאציאנאלע אפשטאם גרופע.

**6. וואס איז רעליגיע/גלויבן דיסקרימינאציע?**

רעליגיע אדער גלויבן דיסקרימינאציע איז ווען איר ווערט באהאנדלט אנדערש אין האוזינג צוליב אייער רעליגיע אדער אייער דערקלערונגען אדער סיסטעמען פון גלויבונג, פרינציפן אדער דעות. מיט געוויסע באגרעניצטע אויסנאמען, איז דאס אומלעגאל. א האוזינג פראוויידער קען אייך נישט פרעגן וועגן אייער רעליגיע און מעג אייך נישט אפזאגן האוזינג געלעגנהייטן צוליב אייער ווארשיינליכע אדער פאקטישע רעליגיע אדער גלויבן.

**7. מיט וועמען זאל איך זיך פארבינדן אויב איך גלויב אז איך בין געווען א קרבן פון האוזינג דיסקרימינאציע?**

*אויב איר גלויבט אז איר זענט געווען א קרבן פון האוזינג דיסקרימינאציע, קענט איר פייל'ן א קלאגע דורך זיך פארבינדן מיט:*

New York State
Division of Human Rights
One Fordham Plaza
4th Floor
Bronx, New York 10458
טאל-פריי: (888) 392-3644
(718) 741-8300 TDD/TTY
היים בלאט: http://www.dhr.ny.gov/
יושר'דיגע הויזינג וועגווייזער: https://dhr.ny.gov/sites/default/files/pdf/nysdhr-fair-housing-guide.pdf

**8. מיט וועמען זאל איך זיך פארבינדן אויב איך גלויב אז איך בין געווען א קרבן פון טענענט הארַאסמענט?**

*אויב איר וואוינט אין א רענט-רעגולירטע יוניט און גלויבט אז איר זענט געווען א קרבן פון טענענט הארַאסמענט, ביטע פארבינדט זיך מיט:*

NYS Homes & Community Renewal
Tenant Protection Unit
641 Lexington Avenue
New York, NY 10022
אימעיל: TPUinfo@nyshcr.org
היים בלאט: https://hcr.ny.gov/tenant-protection-unit

*אויב איר וואוינט נישט אין א רענט-רעגולירטע יוניט און גלויבט אז איר זענט געווען א קרבן פון טענענט הארַאסמענט, ביטע פארבינדט זיך מיט אייער ארטיגע לעגאלע סערוויסעס פראוויידער.*